# גליון יומא בהילולא

ביאגראפישע שטריכן און קורצע אפשאצונגען איבער דאס לעבן און שאפן פון רבותינו הקדושים וועמענ׳ס ימי ההילולא געפאלט אין די קומענדיגע טעג.

שנה א׳ גליון כ׳
פרשת תצוה
תשפ"ד

## ט"ו אדר א'

### הגאון רבי משה זצ"ל ריש מתיבתא בלבוב

געבוירן צו זיין פאטער רבי אליהו ז"ל. רבי משה האט משמש געווען אלס ריש מתיבתא אין שטאט לבוב – לעמבערג. ער איז נסתלק געווארן ביום ט"ו אדר שנת ת"ח. ומנו"כ אין לבוב. אויף זיין מציבה איז נחרת "ומשה עלה אל האלהים, פה נטמן נרתק התורה, ארי שבחבורה, האלוף בתורה, מנורה הטהורה, אלופנו וגאוננו, רב האי גאון, הגדול שר התורה, מו"ה משה במו"ה אליהו עלה ונתעלה כאחד המורים הרביץ תורה בישראל והיה ריש מתיבתא דפה ארבע ועשרים שנה, חד מבעלי תריסין במשנה ובגמרה ובסברא ופלפולא דאורייתא בחריפות ובקיאות ירד וצלל בים התלמוד והעלה מרגלין וסנפירין יומם ולילה לא פסק פומי' מגירסא עם תלמידים וחברים, אשר הרביץ תורה בישראל והעמיד תלמידים הרבה מגדולי הדור ועבד לה' בתדירה בתורה ובתפלה בכל רמ"ח אבריו". (ראה בספר אנשי שם לבוב דף 155)

### הגאון רבי יוסף שטערן זצ"ל אב"ד סיגוט

געבוירן בשנת תקס"ג צו זיין פאטער הר"ר יצחק מסטרימטערע ז"ל. רבי יוסף האט זיך מסתופף געווען בצ"ק פון הרה"ק רבי מענדל קאסוב זצ"ל יונגערהייט האט ער געלערנט אינאיינעם מיט הרה"ק רבי חיים מקאסוב זצ"ל. ער האט אליין מעיד געווען אויף זיך אז ער האט אדורך געלערנט יו"ד הונדערט און פערציג מאל און די איבריגע חלקים פונעם שולחן ערוך הונדערט און איין מאל. רבי יוסף איז נסמך געווען להוראה דורך הרה"ק רבי אברהם דוד זצ"ל אבד"ק בוטשאטש און הגאון רבי נתן נטע דוב זצ"ל אב"ד פודהייץ.

רבי יוסף האט חתונה געהאט מיט די טאכטער פון הגאון רבי מנחם שטערן זצ"ל אב"ד סיגוט. נאכן הסתלקות פון זיין שווער בשנת תקצ"ג איז ער נתקבל געווארן אלס דיין אין שטאט סיגוט שפעטער בשנת ת"ר ווען הרה"ק רבי אלעזר ניסן טייטלבוים זצ"ל האט פארלאזט דאס רבנות אין סיגוט איז ער נתקבל געווארן במקומו אלס אב"ד סיגוט. דאס רבנות אין סיגוט איז געווען פארבינדן מיט אשווערע מחלוקת מבית ומבחוץ. און רבי יוסף האט א גאנץ לעבן געלעבט מיט יסורים און צער. ער איז נסתלק געווארן ביום ט"ו אדר שנת תרמ"ח ומנו"כ אין סיגוט.

(ראה בספר מצבת קודש סיגוט)

## לוח ההילולא

ט"ו אדר א'
הגאון רבי משה זצ"ל ר"מ בלבוב
הגאון רבי יוסף שטערן זצ"ל אב"ד סיגוט
ט"ז אדר א'
הגאון רבי שלום אוללמאנן זצ"ל אב"ד לאקענבאך
הגאון רבי מנחם כ"ץ פרוסטיץ זצ"ל אבדק"ק צעהלים
י"ז אדר א
הגאון רבי נפתלי סופר זצ"ל אב"ד פעטשע – ניידארף
י"ח אדר א'
הרה"ק רבי אברהם מקערעסטיר זצ"ל
הרה"ק רבי אביגדור מטשענסטחוב זצ"ל
י"ט אדר א'
הגאון רבי משה לאנדא מקראקא זצ"ל
כ"א אדר א'
הרה"ק רבי ארי' ליבוש הלברשטאם זצ"ל אבדק"ק צאנז

## ט"ז אדר א'

### הגאון רבי שלום אוללמאנן זצ"ל אב"ד לאקענבאך

געבוירן ביום ט"ז אדר שנת תקט"ו, אין שטאט פיורדא, צו זיין פאטער הפרנס הר"ר ישראל איסר ז"ל. בימי ילדותו האט ער געלערנט ביי הגאון רבי יוסף שטיינהארט זצ"ל אב"ד פיורדא ובעל שארית יוסף. ווען ער איז עלטער געווארן איז ער געפארן לערנען ביי הגה"ק בעל הפלאה זצ"ל אין שטאט פראנקפורט, דארט האט ער געלערנט בהתמדה רבה ביז ער איז געווארן א תלמיד מובהק וחביב צו זיין רבי'ן און ווערט פאררעכנט פון די איינציגסטע וואס האבן יורד געווען לסוף דעתו. ווען זיין רבי האט געזעהן אז ער איז ווי א מעין הנובע מים מתוקים וטהורים, און אז ער איז א חכם האט ער אים געשיקט צו הגה"ק רבי נתן אדלער זצ"ל ער זאל מיט אים לערנען רזי התורה און חכמת התורה. אלס בחור האט ער זיך שוין מפלפל געווען מיט גאוני וגדולי הדור א שטייגער ווי דער מהרי"ט אלגאזי זצ"ל און דער שאגת ארי' זצ"ל.

רבי שלום האט חתונה געהאט מיט מרת רעביל ע"ה טאכטער פון הגאון רבי רפאל ריעסס זצ"ל אב"ד ענדינגען ומדינת שווייץ. נאך די חתונה האט ער זיך אויפגעהאלטן ביי זיין שווער וואו ער האט זיך משלים געווען ביז ער איז געווארן א בקי בכל התורה כולו בנגלה ובנסתר. בשנת תקמ"ד איז ער אויפגענומען געווארן אלס רב אין שטאט אנשבאך -דייטשלאנד, בשנת תקנ"ב איז ער נתקבל געווארן אלס רב אין שטאט שטאמפפאן – אונגארן. דארט האט ער אויך מרביץ תורה געווען פאר תלמידים. ובשנת תקנ"ח איז ער אויפגענומען געווארן אלס רב אין שטאט פרויאנקירכען, בשנת תקס"ט איז ער פארכאפט געווארן דורך די פראנצויזישע מיליטער, די קהילה האט

איז דאן אויסגעלייזט פאר א גרויסער סכום און פון דאן האט ער געלעבט אין א שטענדיגע פחד און האט געזיכט צו פארלאזן די שטאט. דאן איז ליידיג געווען די רבנות פאסטן אין די שטאט לאקענבאך און ער איז דארט נתקבל געווארן אלס רב. דארט האט ער מרביץ תורה געווען און געזעצן בשלום ובשלוה.

רבי שלום איז געווען מפורסם אלס גאון עולם און חריף עצום ובקי בש"ס ופוסקים. צוליב זיין גרויסער חריפות איז ער גערופן געווארן ביי בני דורו "רבי שלום חריף". ער האט זיך געפירט מיט א געוואלדיגע קדושה און טהרה און איז געווען באוואוסט אלס גרויסער בעל מופת. זיין תלמיד הגה"ק בעל צרור החיים מסעליש זצ"ל האט מעיד געווען אויף איהם אז ער האט נשמת התנא רבי עקיבא, דער חתם סופר האט שטארק מכבד געווען רבי שלום און ער פלעגט שיקן אסאך פון זיינע גרויסע תלמידים קיין לאקענבאך צו הערן די שיעורים פון רבי שלום.

רבי שלום איז נסתלק געווארן אינעם זעלבן טאג פון זיין געבורטס טאג, ביום ט"ז אדר שנת תקפ"ה, [הקב"ה ממלא שנותיהן של צדיקים מיום ליום]. ומנו"כ אין לאקענבאך. מח"ס דברי ר"ש על ש"ס וחידוש אגדה.

(ראה דור דור וסופריו גליון ו')

## הגאון רבי מנחם כ"ץ פרוסטיץ זצ"ל אבדק"ק צעהלים

געבוירן בשנת תקנ"ה אין שטאט פרוסטיץ - מעהרין, צו זיין פאטער מו"ה רבי אליעזר וואנפריד ז"ל און זיין מוטער מרת הינדל ע"ה. ווען ער איז געווען א יונגע בחור איז ער געפארן לערנען אין די בארימטער פרעשבורג'ע ישיבה ביים הייליגן חתם סופר זצ"ל. דארט האט ער געלערנט בהתמדה רבה און ביז א קורצע צייט איז ער שוין געווען פאררעכנט אלס איינע פון די מצויני הישיבה, און ער האט גענאסן א זעלטענע חיבובות ביים חתם סופר וואס פלעגט איהם רופן בלשון חיבה מנח'ל.

ער האט חתונה געהאט מיט מרת הינדל ע"ה טאכטער פון הגאון רבי ישכר בער פרענק זצ"ל, וואס איז געווען די סופר פון די קהילה אין פרעשבורג. דער שידוך איז געמאכט געווארן דורכ'ן חתם סופר וואס האט זיך אויסגענומען מיטן שווער אז ער זאל איהם געבן קעסט פאר לאנגע יארן אז רבי מנחם זאל רואיגערהייט עוסק זיין בתורה. א קורצע תקופה נאך די חתונה איז זי ל"ע נפטר געווארן. זיין שווער האט אבער נישט מוותר געווען אויף רבי מנחם און ער האט געגעבן פאר רבי מנחם זיין צווייטער טאכטער מרת ברכה ע"ה.

נאך די חתונה איז ער געבליבן לערנען ביים זיין רבי'ן דער חת"ס פאר נאך זיבן יאר, און ווערט טאקע פאררעכנט אלס איינע פון די גרעסטע און חשוב'סטע תלמידים פונעם חתם סופר. יענע יארן איז ער שוין געווען מפורסם אלס גאון אדיר בחריפות ובקיאות, און א פוסק מובהק. בשנת תקצ"ד איז ער נתקבל געווארן פאר רב אין שטאט ראגינגורף. בשנת ת"ר, איידערן הסתלקות פון זיין רבי'ן דער חתם סופר האט דער חתם סופר געלאזט רופן רבי מנחם, ווען רבי מנחם איז אנגעקומען איז דער חתם סופר שוין זייער נישט געזונט געווען און דער חתם סופר האט איהם געבעטן אז ער זאל איהם דערמאנען א געוויסער חידוש וואס דער חת"ס האט מחדש געווען אין מסכת סוטה, און ווען רבי מנחם האט געענדיגט איבער זאגן די חידוש האט איהם דער חת"ס געזאגט אז ער זאל זאפארט פארלאזן די שטוב ווייל ער א כהן און עס איז געקומען די צייט פון יציאת נשמה.

בשנת ת"ר איז ער נתקבל געווארן אלס רב אין שטאט צעהלים, וואו ער האט געדינט אלס רב פאר די קומענדיגע פופציג יאר.

אויסער זיין גאונות און צדקות איז ער געווען פון די גרעסטע מנהיגים פון כלל ישראל און איז געווען א שר צבא ולוחם מלחמת ה', זייענדיג פון די ראשי הלוחמים פון די פארשפרייטונג פון די השכלישע און נעלאגישע באוועגונגען. בשנת ת"ר, איז ער געווען צווישן די פינף גדולי וזקני הדור וואס זענען אויסגעקליבן געווארן זיך צו שטעלן פארן עסטרייך - אונגארישן מלך, אויסצו'פועל'ן דעם היסטארישן טיילונג. רבי מנחם איז אויך געווען בידידות מיט די גדולי החסידות בדורו, ער האט זוכה געווען צו א שטארקע חביבות ביים מיטעלע בעלזער רב הרה"ק רבי יהושע'לע זצ"ל, אזוי אויך האט הרה"ק מצאנז זצ"ל זייער שטארק מכבד געווען רבי מנחם, אזוי ווייט אז דער צאנזער רב האט געגעסן מיט איהם פון איין שיסל. נאכן הסתלקות פון הרה"ק בעל ישמח משה מאוהעל זצ"ל האט רבי מנחם געזאגט אויף איהם א הספד מר.

סוף ימיו בשנת תרמ"א, איז זיין רעביצין ל"ע נפטר געווארן. רבי מנחם האט דאן חתונה געהאט א דריטן מאל מיט מרת ראכלה ע"ה (לבית אדלער) [אלמנת רבי ישעי' צאלשאן ז"ל מקויבערסדארף] וואס איז נאך געווען א יונגע פרוי, און זי האט פאר די קומענדיגע צעהן יאר, וואס רבי מנחם האט נאך געלעבט, מיט א געוואלדיגע איבערגעגעבנקייט געטריי באדינט רבי מנחם. איידערן זיין הסתלקות האט ער איר געלאזט רופן און איר געזאגט "מיין רבי דער חתם סופר האט מיר געזאגט אז ווען משיח וועט קומען וועט ער מיר אוועק געבן א חלק פון די לויתן, וועגן די ביזט מיר געווען אזוי געטריי וועל איך זיך מיט דיר טיילן".

רבי מנחם איז נסתלק געווארן בשיבה טובה, ביום ט"ז אדר א' שנת תרנ"א אלט זייענדיג זעקס און ניינציג יאר, ומנו"כ אין שטאט צעהלים.

(ראה דור דור וסופריו גליון ה')

# י"ז אדר א'

## הגאון רבי נפתלי סופר זצ"ל אב"ד פעטשע - ניידארף

געבוירן ביום כ"ז טבת שנת תקע"ט אין שטאט פרעשבורג צו זיין פאטער הגאון רבי מרדכי פישל סופר זצ"ל בעל סופר המלך, יונגערהייט איז ער אריין לערנען אין די ישיבה פון מרן החתם סופר זצ"ל און נאכן הסתלקות פונעם חתם סופר זצ"ל האט ער ממשיך געווען צו לערנען ביים בנו ומ"מ דער כתב סופר. ווען זיין טאטע רבי פישל, וואס איז געווען א מלמד פאר תינוקות של בית רבן, איז עלטער געווארן און האט מער נישט פארמאגט די כוחות צו קענען מרביץ תורה זיין פאר די קינדער, האט רבי נפתלי איבער גענומען זיין טאטע'ן און די געלט וואס ער פלעגט פארדינען האט ער געגעבן פאר זיין טאטע'ן אז ער זאל האבן פון וואס צו לעבן. רבי נפתלי וואס איז נאך דאן געווען א בחור האט נישט חייש געווען לכבודו אז עס וועט איהם גיין שווער א שידוך צוליב דעם, נאר האט זיך מוסר נפש געווען מקיים צו זיין מצות כיבוד אב ואם. רבי נפתלי איז נתייתם געווארן פון זיין פאטער בשנת תר"ג זייענדיג א עלטערע בחור פון פיר און צוואציג יאר.

בשנת תר"ח - אלט זייענדיג ניין און צוואנציג יאר- האט רבי נפתלי חתונה געהאט מיט מרת שרל ע"ה טאכטער פון מו"ה רבי ליפמאן

פרידמאן ז"ל פון שטאט טאפלטשאן. [זי איז שוין דאן געווען אלמנה]. און נאך איר פטירה בשנת תרנ"א האט ער חתונה געהאט בזיוו"ש מיט מרת חיה ע"ה טאכטער פון רבי שמואל זאלמנאוויטש ז"ל פון שטאט בארדיוב. נאך די חתונה איז ער געזעצן עה"ת והעבודה בקדושה ובטהרה אין טאפלטשאן, ווי ער האט דארט אויך מרביץ תורה געווען פאר תלמידים. בשנת תרט"ו איז ער נתקבל געווארן אלס רב אין שטאט קאדעלבורג, ובשנת תרל"ג אלס רב ברעזאוויץ, און דערנאך אין ק"ק פעטשע - ניידארף.

רבי נפתלי איז געווען א גאון מובהק, קדוש וטהור, און בעל דרשן נפלא און געווען א מורא'דיגע בעל מידות. ער איז נסתלק געווארן ביום י"ז אדר שנת תרנ"ט. ומנו"כ אין טאפלטשאן.

## י"ח אדר א'

### הרה"ק רבי אברהם'לע שטיינער מקערעסטיר זצ"ל

געבוירן ביום י' שבט שנת תרמ"ג צו זיין פאטער הרה"ק רבי ישעי'לע מקערעסטיר זצ"ל און צו זיין מוטער מרת שרה ע"ה בת רבי יצחק יונה מסאטמאר זצ"ל, ס'ווערט פארציילט אז רבי ישעי'לע האט רח"ל פארלוירן עטליכע זון און ווען רבי אברהם'לע איז געבוירן געווארן האט זיין טאטע געזאגט, "רבונו של עולם, דאס נעם מיר שוין נישט צו, לאז מיר איהם כאטש איבער פאר א קדיש", אזוי אויך איז די מאמע געפארן צו הרה"ק ר' מרדכי מנאדווארנא זצ"ל וואס האט איר נאך לאנגע הפצרות צו געזאגט בזה"ל "ווייסטו וואס, דאס וועט שוין זיין אויך פאר איהם א קדיש'ל", ולפלא אז ער האט נאר געלעבט אביסל מער ווי א יאר נאך זיין טאטע'ס הסתלקות. בשנת תר"ס האט רבי אברהם'לע חתונה געהאט מיט זו' הרבנית הצדקנית מרת בלומא יהודית ע"ה בת הרה"ק רבי מיכאל דזורקא'ר זצ"ל, וואס האט איהם זייער מקרב און מחבב געווען עד למאוד.

בסוף ימיו פון זיין גרויסן טאטע, ביים לעצטן שב"ק בצל הקודש ווען ס'איז געקומען צום טיילן שיריים פון די פיש, האט רבי ישעי'לע געפרעגט ווער טיילט אויס די פיש פארן עולם, האט אים דער גבאי געענטפערט אז ר' שלמה ענגל (מהמקורבים) טיילט, און רבי ישעי'לע האט איבערגעפרעגט, דערנאך האט רבי ישעי'לע גענומען די פיש און געגעבן פאר'ן גבאי זאגענדיג "געב די טאץ פאר מיין זון אברהם'לע, און זאג איהם ער זאל טיילן די פיש", די אנוועזנדע האבן דאס אנגענומען ווי א סמיכה צו איבערנעמען די אדמורו"ת נאך די הסתלקות. נאך שבת האט רבי ישעי'לע אריין גערופן די מקורבים און זיי איבערגעגעבן רצון קדשו אז רבי אברהמ'לע זאל ממלא מקומו זיין, זאגנדיג, "אברהם'לע וועט ברענגען די קוויטלעך אויפן ציון, האף איך אז מ'וועט געהאלפן ווערן ווי ביז איצט" רבי אברהמ'לע איז נסתלק געווארן ביום י"ח אדר א', ומנו"כ אין קערעסטיר ליד אביו.

### הרה"ק רבי אביגדור שפירא זצ"ל אדמו"ר מטשעטשעטשחוב

געבוירן אין שטאט קשאנוב, אין יאר תר"מ צו זיין פאטער הרה"ק רבי שלום מפשיטיק זצ"ל בן הרה"ק רבי יעקב יצחק מבלענדוב זצ"ל בעמח"ס אמת ליעקב [בן הרה"ק ממאגלאניצא זצ"ל, נכד להרה"ק רבי אלימלך מליזענסק זצ"ל ולהרה"ק המגיד מקאזשינץ זצ"ל ולמב"ק] און צו זיין מוטער בת הרה"ק רבי דוד'ל מקשאנוב זצ"ל בן מרן הגה"ק מצאנז זצ"ל. רבי אביגדור איז אויפגעצויגן געווארן אין שטאט פשיטיק. פון זיינע יונגע יארן האט ער זיך אויסגעצייכנט מיט זיין גרויס התמדה, מיט זיין לערנען, מיט זיין קדושה, און זיין חכמה, צום מערסטנס האט ער זיך אויסגעצייכנט מיט זיין גוט הארץ במלוא מובן המלה. ווען ער איז אלט געווארן דרייצן יאר איז ער געפארן קיין קשאנוב זיך מסתופף צו זיין בצ"ק פון זיידן הרה"ק רבי דוד'ל זצ"ל, וואס האט זיך משתעשע געווען מיט אים, און האט אים געזעצט נעבן זיך, ער האט פארברענגט גאנצע טעג און נעכט בתורה ועבודה, און איז בארימט געווארן אלס גרויסער עילוי. בשנת תרנ"ח האט ער חתונה געהאט מיט מרת גיטל ע"ה טאכטער פון הרה"ק רבי קלונימוס קלמן בער מווידאמע זצ"ל [נכד הרה"ק רבי ישע' מפשעדבוש זצ"ל והרה"ק הגיטע איד מניישטאט זצ"ל ולמעב"ק].

אין יאר תר"ס האט זיך רבי אביגדור באזעצט אין שטאט טשעטשעטשחוב, ווערנדיג מפורסם -ספעציעל ביים פשוט'ן המון עם- אלס פועל ישועות, און מיט זיינע נאבעלע מידות טובות, און אלס אמת'דיגער אוהב ישראל, וואס איז גרייט שטענדיג צו קעמפן מיט מסירות נפש פארן כלל ופרט. אין די מאסן האט מען געשטראמט צו אים נאך עצות און ישועות, ווען מען האט אים דערלאנגט קוויטלעך און פדיונות, האט ער נישט געוואלט נעמען קיין געלט פון ארימעלייט, אדרבה ער פלעגט שטיצן די ארימע מיט א ברייטע האנד, מער ווי זיינע כוחות, טראץ וואס ער אליין האט געלעבט מיט גרויס צמצום. אויך איז ער געווען א גרויסער קנאי קעמפנדיג קעגן ציונות, און אירע רעליגעזע נאכשלעפער מזרחי, און צעירי מזרחי.

צום מערסטנס האט ער זיך אויסגעצייכנט מיט זיין אהבה צו אידישע קינדער, די תינוקות של בית רבן, ער האט זיי גערופן "די קליינע מלאכים". ער האט געגרינדעט א תלמוד תורה אין שטאט טשעטשעטשחוב, און ער האט שטארק מקרב געווען די קינדערליך פון ת"ת, ער האט זיך אראפגעזעצט נעבן זיי און געטיילט צוקערליך און קיכלעך פאר די קינדער, וואס דאס איז געווען פאר אים א גרויסער פארגעניגן.

די הויז פונעם טשעטשעטשחובער רבי איז געווען זייער שטרענג אפגעהיטן, פול מיט גדרים וסייגים, אין יענע יארן איז עס געווען פארבינדן מיט גרויסע שוועריגקייטן, פוילן אין יענע יארן איז געווען גאר שווערע זמנים אין אידישקייט, און אויך אין די רבי'שע הייזער האט זיך אריינגעכאפט די השכלה, מאדערנזים און ציונת, אבער די הויז פון רבי אביגדור איז געווען שטרענג אפגעהיטן.

רבי אביגדור'ס טאכטער איז געווען הרבנית הצדיקת המפורסמת בפעולותיה הברוכות והנשגבות, מרת אלטא פייגא טייטלבוים ע"ה, מחברתו הטהורה של מרן רבינו הקדוש מסאטמאר זצ"ל. וואס האט נאך איר טאטענ'ס פטירה בשנת תרצ"ו חתונה געהאט מיט מרן רבינו הקדוש מסאטמאר זצ"ל. די הויכגעשעצטע רעבצין האט זוכה געווען צו זיין דעם רבי'נס עזר מקודש פאר צוויי און פערציג יאר, און האט משמש געווען דעם רבין מיט א געוואלדיגע געטריישאפט און מסירות נפש.

רבי אביגדור איז נסתלק געווארן ביום י"ח אדר שנת תרפ"ח אין בליענדן עלטער פון בלויז אכט און פערציג יאר, און מען האט אים

באערדיגט אין טשענסטחוב. בשנת תשל"א האט געשוועבט א סכנה אויפן בית החיים אין טשענסטחוב, האט מען בפקודת חתנו מרן רביה"ק מסאטמאר זצ"ל אריבער געפירט זיין קבר צום סאטמאר'ן בית החיים אין נו. דשערסי. (ראה בספר זכרון בספר מאמר ל"ג)

## י"ט אדר א'

### הגאון רבי משה לאנדא מקראקא זצ"ל

געבוירן צו זיין פאטער רבי יקותיאל ז"ל. בשנת ש"י איז ער געווען פון די רבנים אין שטאט פראג, שפעטער איז ער אינאיינעם מיט זיין משפחה געקומען וואוינען אין שטאט קראקא, און ער איז געווען פון רבני וראשי העיר בזמן פונעם רמ"א און דער שארית יוסף, און געזעצן בראשונה אין אלע דריי בתי דנים וואס איז דאן געווען אין קראקא. (ער ווערט דערמאנט אין תשובות רמ"א סי' נ"ו סי' ע"ז ועוד). ער איז נסתלק געווארן ביום י"ט אדר שנת שכ"א. (ראה בספר לוחות זכרון קראקא דף 49)

## כ"א אדר א'

### הרה"ק רבי ארי' ליבוש הלברשטאם זצ"ל אבדק"ק צאנז

געבוירן בשנת תרי"ב אין שטאט צאנז צו זיין פאטער הרה"ק רבי אהרן זצ"ל אב"ד צאנז-קרייז, און זיין מוטער מרת חנה עלקא ע"ה בת הנגיד רבי יעקב וויינבערגער זצ"ל פון שטאט דוקלא. רבי ארי' ליבוש איז נתגדל און נתחנך געווארן בצ"ק פונעם גרויסן זיידן דער הייליגער צאנזער רב זצ"ל און האט פון זיידן מקבל געווען הדרכה בלימוד התורה, עבודת ה' און דרכי החסידות, פון קינדווייס אן האט ער געאטעמט צאנז און איז געווען מוקף מיט א חומה פון קדושה און טהרה, ער האט זוכה געווען צו א קירבה יתירה פון זיידן וואס האט אים סומך געווען לדון ולהורות, און אים געלערנט די סוד פון נעמען קוויטלעך. דער ד"ח האט זיך אויף אים אויסגעדריקט "מיין שענסטע אייניקל". איינמאל לערנענדיג מיט זיידע גמרה תוס' האט רבי ארי' לייבש מחדש געווען א תירוץ הגון אויף תוספות קשיא דער ד"ח האט זיך דאן אנגערופן מיט התפעלות "ער לערנט דעם תוספות בעסער ווי דער ישועות יעקב".

רבי ארי' ליבוש האט חתונה געהאט מיט מרת צבי ע"ה די טאכטער פון הרה"ק רבי משה מראזוודוב זצ"ל בן הרה"ק רבי אליעזר'ל דזיקובער זצ"ל. נאך די חתונה האט ער געוואוינט פאר עטליכע יאר אין ראזוודוב בצ"ק פון זיין שווער. זיין ערשטע רעבצין איז אבער ל"ע יונגערהייט אוועק, רבי משה מראזוודוב האט זיך דאן אויסגעדריקט "עס איז נישט אזוי א שאד די טאכטער, פון דער איידעם".רבי ארי' ליבוש האט דערנאך חתונה געהאט מיט מרת טויבע ע"ה בת הרב ה חסיד רבי יצחק קארנער זצ"ל.

בשנת תרל"א-אלט זייענדיג בלויז צוואנציג יאר- איז ער בפקודת הד"ח נתקבל געווארן אלס רב אין שטאט גריבוב, אבער זייענדיג אזוי מקושר קיין צאנז איז ער איז פארבליבן וואוינען אין צאנז ביז בערך שנת תרמ"ז, ווען ער האט זיך אריבער געצויגן קיין גריבוב. נאכן הסתלקות פון אביו, בשנת תרס"ג, איז ער אויפגענומען געווארן ממלא מקום צו זיין ברבנות ובאדמורו"ת אין שטאט צאנז. גלייך ווען ער איז אנגעקומען קיין צאנז האט ער מייסד געווען א ישיבה גדולה "בני תורה" וואס האט אין זיך ערהאלטן אריבער דריי הונדערט בחורים פון די שטאט צאנז והגלילות.

דער צאנזער רב רבי ארי' ליבוש, איז געווען מפורסם מיט זיין קדושה וטהרה און גדלות בתורה, ווי אויך איז ער געווען מפורסם אלס פועל ישועות בקרב הארץ. ער איז געווען נערץ ונקדש ביי צדיקי דור. ביום כ"ה ניסן ביומא דהילולא פון הרה"ק מצאנז זצ"ל פלעגט די שטאט צאנז באלאגערט ווערן מיט צענדליגע אדמורי"ם ורבנים וואס זענען געקומען מתפלל זיין ביים ציון הק'. אלע גרויסע רבי'ס זענען געקומען שלום נעמען ביים צאנזער רב רבי ארי' ליבוש, צווישן אנדערע זענען געקומען זיינע פעטערס הרה"ק רבי שלום אליעזר'ל זצ"ל און הרה"ק רבי ישעי'לע טשחובער זצ"ל, הרה"ק מסטארפקוב זצ"ל, הרה"ק מססיטשין זצ"ל, הרה"ק מצעשינוב זצ"ל, הרה"ק ממונקאטש זצ"ל. הרה"ק רבי שימעלע זשעליחובער זצ"ל און פיל נאך.

נאכן פטירה פון הרה"ק רב מנחם מענדל מפרוסטיק זצ"ל ביום כ"א אדר שנת תרפ"ו האט דער צאנזער רב רבי ארי' ליבוש זיך אויסגעדריקט "א קלוג יונג, ער האט זיך אויסגעקליבן א גוטן טאג". מיט ניין יאר שפעטער איז דער צאנזער רב רבי ארי' ליבוש נסתלק געווארן אינעם זעלבן טאג ביום כ"א אדר א', שנת תרצ"ה. ומנו"כ אין שטאט צאנז. (ראה בקונטרס מראש צורים בספר דברי חיים המבואר)

**זכות פרנס הגליון**

נתנדב ע"י מו"ה ר' **חיים דוד וואזנער** נ"י
לע"נ זקיני הגה"ק רבי **אברהם** בן הגה"ק רבי **ישעי'** זצ"ל
**מקערעסטיר**
נלב"ע י"ח אדר א' שנת תרפ"ז לפ"ק

**זכות פרנס הגליון**

נתנדב ע"י מו"ה ר' **שרגא פייבוש שפיטץ** נ"ו
לע"נ זקיני הגה"ק רבי **שלום** בן
רבי **ישראל איסר אוללמאן** זצ"ל
אבדק"ק לאקענבאך
נלב"ע ט"ז אדר שנת תקפ"ה לפ"ק

ליטול חלק בהוצאת הגליון ולהארות והערות או לקבל הגליון,
ניתן לפנות
yoimabhillula@gmail.com